**גוט שבת אלע אידן.** עס איז אמאל געשען א מורא'דיגע מעשה אין פוילען בערך א הונדערט יאר צוריק. אין יענע יארן זענען געווען די ניסיונות ביי אידן מער אין אמונה זאכן, ל"ע. די "משכילים" ימ"ש און די רעפארמע האבן ליידער כליה געמאכט אסאך אידישע משפחות רח"ל. און אין די צייטן זענען ארויסגעקומען אסאך נייע גלויבינגען ד"ה די אלע מיני "איזמס" למשל קומוניזם, סוציאליזם וכו'.

אסאך אידן זענען ליידער אריינגעשטופט געווארן אין יענע נייע דיעות. עס איז אינטערעסאנט צו דערמאנען דא אז כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה האט אליינס דערציילט ווי ער האט פארברענגט אסאך שעות מיט זיינע טעכטער אין יענע יארן אין יוראפ, כדי זיי זאלן נישט האבן ח"ו קיין שייכות מיט די "משכילים" ימ"ש וואס האבן ארומגעדרייט כאפן נשמות דעמאלט.

אונזער מעשה איז געשען מיט א מיידל פון א סלונימער חסידישע משפחה. מען דארף געדענקען אז אין יענע יארן איז נאך נישט געווען קיין בית יעקב'ס און נישט קיין בית טראני'ס. אונזער מיידל האט זיך איין טאג ליידער זיך געחברט מיט אפאר נישט אזוי ערליכע מיידלעך וועלכע זענען אריינגעמושט געווארן מיט די "משכילים" ימ"ש.

דאס מיידל'ס עלטערן זענען זייער באזארגט געווארן וועגן דעם. זיי האבן פרובירט צו איבערצייגן זייער טאכטער אז זי זאל נישט האבן צו טון מיט אירע נייע חברתה'ס. אבער וואס האבן זיי געקענט געטון? זיי האבן נישט געוואלט זיין צו שטרענג מיט איר וכו'.

כאטש אפילו אז דאס מיידל איז טאקע אפגעשוואכט געווארן אין רוחניות, ל"ע, האט זי דאך איין מצוה נאך אלץ אנגעהאלטן זייער שטארק, ד"ה די מצוה פון צניעות. זי איז אייביג ארומגעגאנגען אזוי ווי עס פאסט צו גיין. די עלטערן האבן שטארק מחשיב געווען דעם מיידל'ס צניעות, געהאפען האבן זיי אז דורך זיין פאזעטיוו מיט איר, וועט זי צוריקקומען צום אמת'ען אידישקייט.

צוביסלעך אבער, איז דאס מיידל נעבאך נענטער און נענטער געווארן צו די רעפארמע חברה. איין טאג איז דאס מיידל פשוט נישט אהיימגעקומען. די עלטערן האבן נישט געוואוסט וואו זי איז געגאנגען אפילו. פארשטייט זיך אז די עלטערן זענען געווארן זייער שטארק צובראכן און באזארגט.

די משפחה האט געזוכט דעם מיידל איבעראל, אבער זיי האבן איר נישט געטראפן. יענע טעג איז נישט געווען קיין "ערשטע הילף" און די עלטערן האבן זיך פארשעמט צו לאזן וויסן די גאנצע וועלט אז זייער טאכטער איז אנטלאפן פונעם שטוב.

די נעקסטע טאג איז די מאמע פון דעם מיידל געפארן צו זייערע רבי'ן, דער סלונימער רבי, דער בעל "דברי שמואל" הרה"צ רבי שמואל וויינבערג זצ"ל. ווען די מאמע איז אנגעקומען צום רבי'ן, איז זי פלוצלינג אריינגעקומען צו אים אין שטוב, נישט ווארטענדיג אז איינער זאל איר אריינלאזן. דער רבי האט גלייך געזען אז עס איז געווען דא אן ערנסטע מצב, און ער האט צוריקגעהאלטן די גבאים פון אוועקשיקען די צובראכענע פרוי.

דער רבי האט איר בארוהיגט זאגענדיק אז מיט דעם באשעפער'ס העלף, וועט עס זיין גוט.... און זי דארפט נישט זארגן. דאן האט דער רבי צוגעמאכט זיין אויגען און געטראכט אפאר מינוט. נאכדעם האט ער געפרעגט די מאמע אויב עס איז געווען אפשר איין מצוה וואס איר טאכטער האט מוסר נפש געווען פאר דעם. די מאמע האט גלייך געענטפערט אז אירע טאכטער איז ב"ה נאכאלץ זייער שטארק מקפיד געווען אויף צניעות.

הערענדיג וואס די מאמע האט געזאגט האט דער רבי געגעבן פאר די מאמע אן אינטערסאנטע סגולה. ער האט געהייסן אז די מאמע זאל נעמען א פאדעם פון א קלייד פונעם מיידל און מיט דעם פאדעם זאל זי מאכן די קנויטען פאר די הייליגע שבת לעכט. און ביי ליכט צינדען, זאל זי שטארק אויסבעטן.

פאלגען דעם רבי'ן, האט די פרוי טאקע אזוי געטון יענע ערב שבת. זי האט ארויסגענומען א פאדעם פון אן אלטען קלייד וואס האט באלאנגט צום מיידל און מיט דעם האט זי צוגרייט די הייליגע שבת לעכט. ליכט בענטשן ביי איר יענע וואך האט אויסגעקוקט אזוי ווי "נעילה." זי האט שטארק געוויינט, אויסבעטענדיג פאר אירע פארלוירענע טאכטער. זאגענדיק די תחינה נאכן ליכט בענטשן, האט זי שטארק געוויינט: "יהי רצון לפניך... שתחונן אותי... ותפקדנו בפקדת ישועה ורחמים... ותשלים בתינו וכו'..."

ערגעץ אין א דערפל נישט ווייט אוועק, איז דאס מיידל געזיצן מיט אירע חברתה'ס די "משכילים" ימ"ש, ווען זי האט פלוצלינג געשפירט א התעוררות. עפעס האט אנגעצינדען די פינטעלע איד אין אירע אידישע הארץ... ביז זונטאג איז זי שוין אהיימגעקומען ב"ה. זי האט שוין נישט געהאט קיין קשיאות! זי איז געווען א "בת מלך" און זי האט געזען אז די גאס איז פוסט און ליידער פון אלע תוכן. און ב"ה האט זי באלד דערנאך א גוטע שידוך געטון און זי האט אויפגעשטעלט שיינע אידישע דורות. אין די זכות פון ליכט בענטשן, פון צניעות און פון התקשרות צו צדיקים, איז דאס מיידל ב"ה געראטעוועט געווארן פון שאול תחתית.

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זאגט כסדר אז די היינטיגע נסיונות זענען נישט אזוי ווי אמאל ד"ה די השפעות פון די שלעכטע "משכילים" וכו', נאר היינט האבן די נסיונות מער צו טון מיט ענייני צניעות. די פרשה די וואך רעדט וועגן דעם ענין פון צניעות מיט די סוטה.

די זוהר הקדוש רעדט אויס אלע קללות וואס קומען ל"ע צוליב פרוצות. מיר האבן א כלל, "...מדה טובה מרובה ממדת פורענות" (סוטה יא.) אויב אזוי מוז עס זיין אז צניעות איז מסוגל צו האבן פרנסה אין שטוב, צו האבן חשוב'ע קינדער, און עס איז אויך מסוגל אז עס זאל זיין די ברכה פון שלום אין דער היים. (זוהר פרשת נשא קכה:) דורך שטארקען זיך אין ענייני צניעות און אויך דורך זיך דערווייטערן פון די היינטיגע משחיתים כמטחווי קשת, וועלן מיר אלע זוכה זיין מיט דעם באשעפער'ס העלף צו אלע ברכות. **גוט שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**